# חוקת

א. די מצוות פון דער תורה טיילן זיך אין דריי סוגים: משפטים, עדות און חוקים[1], דער חילוק צווישן זיי בנוגע צו שכל והבנה: משפטים זיינען אַזוינע מצוות, וואָס אויך דער מענטש־לעכער שכל איז מחייב אַז מ׳זאָל זיי טאָן; עדות זיינען די מצוות, וואָס שכל אַליין וואָלט זיי טאַקע ניט מחייב גע־ווען, אָבער נאָך דעם ווי תורה האָט אונז אויף זיי אָנגעזאָגט, האָבן זיי אויף זיך אַ שכל׳דיקע ערקלערונג; חוקים זיינען אַזעלכע מצוות וואָס עס איז ניטאָ אויף זיי קיין שום ערקלערונג אין שכל, און נאָך מער: זיי זיינען גאָר פאַרקערט ווי שכל פאַרשטייט, און דער קיום פון די חוקים־מצוות איז בלויז מיט קבלת עול.

דאָס הייסט, אַז די מצוות פון די סוגים משפטים און עדות זיינען ווי דער רצון העליון האָט זיך מצמצם געווען און אָנגעטאָן אין שכל, אַז אויך דער פאַרשטאַנד פון אַ מענטשן זאָל זיי קענען באַגרייפן. אַנדערש איז דער סוג פון חוקים, וואו דער רצון העליון האָט זיך אויך דאָ למטה ניט מצמצם געווען און ניט אָנגעטאָן אין שכל, און איז געבליבן בבחינת רצון שלמעלה מהשכל.

און ווייל די חוקים זיינען אויך דאָ למטה בחינת עצם הרצון וואָס איז פאַרבונדן מיט עצמות[2] — וואָס דער־פאַר קען עס ניט אַראָפּקומען אין שכל — דערפאַר דאַרף אויך דער מענטש מקיים זיין די חוקים, מיט (עצם הרצון, מיט) קבלת עול און אַ ביטול וואָס איז פאַרבונדן מיט עצם הנשמה, וואָס איז העכער פון כוחות פנימיים.

בדרך אפשר יש לומר אַז דאָס איז אויך דער ביאור אויף דעם אַלטן רבי׳נס טייטש[3]: חוקים פון לשון חקיקה (אויסגעקריצט). דער יתרון פון חקיקה אויף כתיבה איז, וואָס ביי חקי־קה זיינען די אותיות מיני׳ ובי׳, זיי זיינען ניט קיין באַזונדער מציאות פון דער זאַך אויף וועלכער זיי זיינען אויסגעקריצט; ביי כתיבה זיינען די אותיות אַ צוגעגעבענע זאַך צום פאַר־מעט אויף וועלכן זיי זיינען אָנגעשריבן. און דאָס איז אויך דער אויפטו פון חוקים אויף עדות און משפטים: אין עדות און משפטים איז סיי מצד דעם רצון העליון וואָס אין זיי און סיי מצד דעם אדם וואָס איז זיי מקיים, איז פאַראַן אַ צוגעקומענע זאַך — די הרכבה פון שכל וטעם. משא״כ אין חוקים פאַרבינדט זיך עצם הנשמה מיט עצמות, אָן דער הרכבה פון שכל וטעם.

ב. דער עיקר ענין פון חוקים איז די מצוה פון פרה אדומה. ווי עס ווערט דערציילט אין מדרש[4], אַז אויך שלמה המלך, וואָס האָט משיג געווען די העכסטע השגות, אויך די טעמים פון די חוקים — האָט ער געזאָגט: „על כל אלה עמדתי ופרשה של פרה אדומה חקרתי ושאלתי ופש־

1) בענין משפטים עדות וחוקים — ראה גם לקו״ש ח״ג פ׳ יתרו, משפטים, בחוקותי ובהמצויין שם.

2) ראה סד״ה לך תרס״ו (בהמשך תרס״ו), שהמצות שיש עליהם טעם, הרצון שבהם היא בחי׳ התפשטות הרצון, ולכן נתלבש בטעם, והרצון דחוקים היא בחי׳ עצם הרצון, ולכן אינו בא בטעם.

3) לקו״ת ר״פ חוקת (נו, א). וראה גם שם בחוקותי מה, א ואילך.

4) במדב״ר פי״ט, ג. תנחומא חקת ו.

פשטי אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני", אַז ער האָט געפאָרשט און גע־זוכט דעם טעם אויף פרשת פרה אדומה און ער האָט זי ניט געקענט באַגרייפן. נאָר צו משה רבינו האָט דער אויבערשטער געזאָגט [5]: "לך אני מגלה טעם פרה" (דיר בין איך מגלה איר טעם) [6].

דאָס איז אויך איינער פון די טעמים, וואָס פרה אדומה איז כללות ענין התורה [7] (וואָס דעריבער שטייט, ביי פרה אדומה, דער לשון "זאת חוקת התורה", ניט "זאת חוקת הטה־רה" אָדער "זאת חוקת הפרה"). וואָרום אַלע מצוות התורה, אויך עדות און משפטים, איז זייער עיקר — דער רצון העליון שלמעלה מהשגה לגמרי (ס'איז נאָר וואָס דער רצון האָט זיך אָנגעטאָן אויך אין אַ טעם אָבער בעיקר איז עס בחינת רצון) [8]. און וויבאַלד אַז אין מצות פרה אדומה איז עס בגילוי (וואָרום ביי פרה אדומה איז דער רצון ניט נתלבש געוואָרן אין שכל), דעריבער איז זי כללות התורה.

דער פלא פון פרה אדומה איז אין צוויי זאַכן: א) "מטמאה את הטהורים ומטהרת את הטמאים". ב) נעשית מחוץ למחנה [9].

דערפון איז מובן: א) דורך די זאַכן ווערט נתגלה אַן ענין וואָס איז פאַר־בונדן מיט עצם הנשמה, בחי' חקיקה. ב) אין דעם באַשטייט כללות ענין התורה. ג) דעם כח אויף דער עבודה פון עצם הנשמה, נעמט מען פון משה רבינו, וואָס צו אים האָט מען מגלה געווען דעם טעם פון פרה אדומה, און ער גיט דעם כח אויף דער עבודה צו אַלע אידן.

דערפאַר שטייט "ויקחו אליך" (די פרה אדומה זאָל גענומען ווערן צו דיר, משה'ן), כאָטש אַז בפועל האָט זיך מיט דער פרה מתעסק געווען אלעזר הכהן, ווייל דער כח אויף דער עבודה פון פרה אדומה דעמאָלט, איז געקומען פון משה'ן, און אַזוי אויך אין די שפּעטערדיקע דורות, "לעולם היא נקראת על שמך" [10], ביז אַז אויך אין די אַכט פרות וואָס בזמן בית שני און אויך אין דער צענטער פרה אדומה וואָס משיח וועט מאַכן, וועט מען נוצן (צוליב מקדש זיין די כהנים העושים את הפרה) דעם אפר הפרה שעשה משה במדבר [11].

ג. עס שטייט אין מדרש [12], אַז בשעת משה רבינו האָט געהערט דעם ענין פון טומאת מת, איז "נתכרכמו (פאַרטונקלט געוואָרן) פניו של משה"

---

5) במדב"ר שם ו. תנחומא שם ח.

6) ואין הכוונה ב"טעם פרה" טעם שכלי (שהרי מצות פרה אדומה היא בחי' שמובדל לגמרי משכל. שלכן זה שלא השיג שלמה הטעם דפרה לא נחשב לחסרון אצלו, וכמו שנאמר בו (במדב"ר פי"ט, ג) "דעה קנית מה חסרת", לפי שבגדר השכל לא הי' חסר בו מאומה. ראה ד"ה זאת חוקת תרע"ג (בהמשך תער"ב ח"א)), כי אם, שמצד הביטול עצמי דמשה נרגש בו בחי' רצון העצמי בגלוי.

7) ראה לקו"ת ר"פ חוקת נו, א. ועייג"כ במפרשים עה"ת.

8) כי הרצון, גם כשיש עליו טעם, נשאר במהותו ובפשיטותו. (ראה ד"ה ואני תפלתי תרצ"ד בסה"מ קונטרסים ח"ב (שיב, א)). ועייג"כ אגה"ק סי"ט (קכח, א).

9) חינוך מצוה שצז.

10) רש"י ר"פ חקת.

11) ראה פרה פ"ג מ"ה "ומאחת" (ועד"ז ברמב"ם הל' פ"א פ"ב ה"ו) ובפי' משנה אחרונה שם. ולהעיר ג"כ מבמדב"ר שם, ו (בפירוש ידי משה ומהרז"ו שם). גור ארי' ושפתי חכמים (לפירש"י במדבר יט, ב). של"ה חלק תושב"כ דרוש לפ' פרה (שנט, ב).

12) במדב"ר שם ד. תנחומא שם ו.

און ער האָט געפּרעגט „במה תהא טהרתו". (אויף אַנדערע טומאות האָט זיך משה רבינו ניט אַזוי געוואונדערט, ווייל זיי זיינען נאָר פּרטים פון טומאה, משא"כ טומאת מת, איז אבי אבות הטומאה, אין גאַנצן דער היפך פון קדושה, ווייל קדושה איז חיות, און כל־זמן מען איז דבוק אין הוי' אלקים חיים קען קיין מיתה ניט זיין [13]); מיתה ווייזט אַז מען איז אָפּגעריסן לגמרי ח"ו, האָט זיך משה זייער געוואונדערט „במה תהא טהרתו"). בשעת דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט די מצוה פון פרה אדומה, איז אים פאַר־ענטפערט געוואָרן זיין שאלה, ווייל פרה אדומה קען מטהר זיין אויך טומאת מת, ווייל דורך איר ווערן נמשך די יגמה"ר שלמעלה מהשתלשלות, וואָס זיי האָבן ניט קיינע הגבלות, און זיי זיינען „מנקים כל הפגמים" [14]).

און דאָס איז אויך וואָס אויף פרה אדומה שטייט דער לשון חוקה, ווייל על־פי שכל, ד.ה. מצד די גילויים פון השתלשלות (באדם ובכלל) האָט קיין אָרט ניט אַז מ'זאָל קענען פועל'ן טהרה אויך אין אַזאַ נידעריקן אָרט, נאָר „מי יתן טהור מטמא — לא אחד" [15]), ווער קען פועל'ן טהרה אויך אין טומאה חמורה ביותר — נאָר „יחידו של עולם", וואָס ער איז ניט מוגבל אין קיינע הגבלות.

און דאָס איז אויך דער טעם פון דעם וואָס די פרה אדומה איז נעשית מחוץ למחנה, אַנדערש פון אַלע קרבנות שנעשים בפנים, אין מקדש דוקא, ווי דער אַלטער רבי איז מבאר [*15]), ווייל אַלע קרבנות זיינען מכפר נאָר אויף שגגות [16]), וואָס שוגג קומט „מהתגב־רות נפש הבהמית שמנוגה", דערפאַר זיינען זיי בפנים. משא"כ פרה אדומה, וואָס זי איז מטהר טומאת מת, אבי אבות כו' שלמטה מטה מנוגה, איז נעשית מחוץ למחנה, בכדי צו פועל'ן טהרה אויך אין בחינת חוץ — דורכן גילוי שלמעלה מהשתלשלות.

ד. בכדי צו ממשיך זיין פון למעלה מהשתלשלות, פון „יחידו של עולם", דאַרף אויך די עבודה זיין פון יחידה שבנפש, ביטול שלמעלה מהשכל. עס דאַרף זיין מסירת נפש. ער דאַרף זיך אַוועקלייגן, אַרויסגיין מחוץ למחנה און נעמען אַ „פרה", אַ בהמה, און דערצו נאָך אַן „אדומה" [17]) און זיך עוסק זיין מיט איר, וויסנדיק אַז ער אַליין וועט דורך דעם טמא ווערן, בכדי צו מטהר זיין אַ צווייטן אידן.

און דער אַראָפּלאָזן זיך צוליב טאָן אַ טובה אַ אידן, דאַרף קומען ניט

---

13) שלכן, אין מלינין (שמורה על עיכוב ושייכות) את המת בירושלים, כי בבחי' שלימות היראה (ראה תוס' ד"ה הר תענית טז, א) אין שייך ענין המיתה. ואדרבה — יראת ה' לחיים (משלי יט, כג).

14) לשון אדה"ז באגה"ת פ"ח, וכוונתו להפגמים דזדונות שאין קרבן מועיל עליהם, והניקוי הוא רק מצד יגמה"ר שנמשכים ע"י התשובה.

ובזה יובן מה שמביא שם הפסוק „ונושא עון ופשע ונקה" ומשמיט תיבת „וחטאה" — כי לתיקון פגם ד„חטאה" (שוגג), אין מוכרח הגילוי דיגמה"ר.

ומה שבהפסוק הזכיר תיבת וחטאה, י"ל, שהוא מצד סוף הפסוק: נקה לא ינקה — מנקה לשבים ולא ינקה לשאינם שבים, ולכן הזכיר תיבת וחטאה כדי להורות שגם על חטאה אינו מנקה לשאינם שבים, וגם על שוגג צריך תשובה.

15) איוב יד, ד. וראה לקו"ת חוקת נט, ד.

*15) אגה"ק סי' כח. ועייג"כ לקו"ת חקת נח, ג.

16) ראה לקו"ש ח"ג ע' 944 ובהנסמן שם.

17) שאודם מורה על התרגשות — היפך התיישבות (שכל).

דורך מאַכן אַ חשבון, אַז דורך דעם וועט אים צוקומען — „יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני העני עושה עם בעל הבית"[18] — וואָרום אויב ער טוט עס צוליב אַ חשבון, איז ער נאָך ניט אַרויס פון זיין מציאות והשתלשלות, במילא קען ער דורך אַזאַ עבודה ניט נעמען עצמות. דוקא ווען ער טוט יענעם אַזאַ טובה וואָס דערביי וועט ער גאָר טמא ווערן[19] (אַודאי וועט אים דער אויי־בערשטער אָפּצאָלן דערפאַר כמה פע־מים ככה, אָבער זיין חשבון דאַרף זיין אַז ער טוט עס אפילו ווען ער ווערט נאָר טמא) — דורך אָט־דעם ביטול און אַוועקלייג, קבלת עול שלמעלה מן השכל, וואָס דאָס איז בחינת חוקה ביי אים, איז ער ממשיך די חוקה שלמעלה; זיין עצם הנשמה איז ממשיך עצמות אין־סוף.

און דאָס איז דער ביאור פון דעם פריער־געזאָגטן, אַז די צוויי ענינים שבפרה אדומה — **מטמאת את הטהו־רים ומטהרת את הטמאים, און נעשית מחוץ למחנה — זיינען:**

א) דער ענין פון חוקה, אַז דורך זיי איז מען מגלה עצם הנשמה בחינת חקיקה, ווייל דורך דעם אַוועק־לייג און ביטול צו טאָן אַ אידן אַ טובה בכדי מטהר זיין אים, אויך ווען צוליב דעם דאַרף מען אַרויסגיין מחוץ למחנה און טמא ווערן, דורך דעם איז מען מגלה עצם הנשמה;

ב) דער כללות ענין פון תורה — ווייל יסוד כל התורה איז צו אַרויסגיין פון אַלע ציורים, בויגן דעם אייגענעם „איך", ניט נאָר דעם „איך" פון גוף נאָר אויך — פון דער נשמה, וואָס דאָס דריקט זיך אויס במיוחד אין אהבת ישראל, כללות כל התורה[20];

ג) דעם כח אויף דעם באַקומט מען פון משה רבינו, וואָס ער איז געווען אין דער מדריגה פון „ונחנו מה", און ער איז מגלה דעם ביטול שמצד עצם הנשמה ביי יעדער אידן.

ה. מ'האָט גערעדט כמה פעמים[21] אַז דער אויפטו פון תורה איז — התכללות פון בידע קוין: מען דאַרף טאָקע זיך אַוועקלייגן צוליב טאָן אַ טובה אַ צווייטן אידן, „כי תראה ערום (בקיום המצות) וכסיתו"[22], אַז מען זעט אַז איינער איז נאַקעט פון מצוות ר"ל, דאַרף מען אויף אים פועל'ן אַז ער זאָל מקיים זיין מצוות, לייגן תפילין און אָנטאָן ציצית א.ז.וו. אין דער זעלבער צייט אָבער טאָר מען אויף זיך אויך ניט פאַרגעסן — כסיום הכתוב „ומבשרך לא תתעלם", מען דאַרף געדענקען אַז מען האָט אַליין אויך „בשר", און גראָבע בשר, חומ־ריות'דיקן, וועלכן מען דאַרף וויקן זאַלצן און אַראָפּשווענקען[23].

---

18) ויק"ר פל"ד, ח.

19) עד אשר גם קודם התעסקותו בפרה, היו ב"ד (בבית שני) מטמאין את הכהן השורף את הפרה בשרץ וכיו"ב וטובל ואח"כ עוסק בה (רמב"ם הל' פרה פ"א, הי"ד).

20) ראה תניא פרק לב. דרמ"צ מצות אהבת ישראל. ואף שבתניא שם הלשון כמה פעמים גוף ונפש, בהכרח לפרש כוונתו שגם הנפש שבגוף בכלל „גוף" הוא לענין זה, ו„נפש" (דשם) הכוונה (גם) להנפש כמו שהיא בשרשה (וככתבו שם: והנפש והרוח מי יודע גדולתן ומעלתן בשרשן ומקורן באלקים חיים), שרק מצד בחינה זו אפשר להיות אהבה ואחוה אמיתית (משא"כ כשהוא בציור מציאותו, גם מציאות דנשמה).

21) ראה גם לקו"ש ח"ג פ' חיי.

22) ישעי' נח, ז. וראה סד"ה אז יבקע תרצ"ד (בסה"מ קונטרסים ח"ב שז, ב).

23) מרמזי ענינים בעבודת האדם: שרי' במים — מטביל עצמו במי הדעת, תורה,

און אין פרה אדומה, כללות כל התורה, איז מרומז אויך דער ענין: דעם אפר פון דער פרה וואס משה האט געמאַכט, האט מען פאַנאַנדער־געטיילט אויף דריי חלקים: איין חלק איז געווען בכדי צו מטהר זיין טמאים. אַ צווייטער חלק איז געווען צוליב מקדש זיין די כהנים וואס האבן גע־מאַכט די שפּעטערדיקע פרות. און אַ דריטן חלק האט מען אַוועקגעלייגט „למשמרת"[24]. ולכאורה, וואס האט מען פון דעם חלק וואס מען האט אַוועקגעלייגט „למשמרת"?

והענין בעבודה: צוליב גרויס טרדה אין עסקנות ציבורית און אין דער אַרבעט פון משפיע זיין אויף אַ זולת, קען מען פאַרגעסן אויף זיך אַליין. צוליב דעם דאַרף מען האבן אפר „למשמרת" — מען זאָל געדענקען, אַז אויך ביי זיך אַליין קען זיין אַן ענין פון טומאת מת ח"ו, וואס צוליב דעם דאַרף מען אָנקומען צום אפר הפרה[25].

ו. דער סיכום ההוראה פון פרשת פרה אדומה:

א) בשעת מען זעט אַ אידן וואס בגילוי איז אויף אים ניט קענטיק קיין דביקות בהוי' אלקים חיים, ער זעט אויס ווי אַ ניט־לעבעדיקער ר"ל, קען מען דאָך טראַכטן: וויבאַלד אַז יענער איז געפאַלן אַזוי נידעריק, איז ער שוין פאַרפאַלן ר"ל, אויף דעם זאָגט מען, אַז משה רבינו האט געגעבן דעם כח צו מטהר זיין יעדער אידן, אפילו אַזאַ וואס איז טמא געוואָרן בטומאת מת ר"ל[26].

ב) קען דאָך אָבער זיין יצר הרע טענה'ן פאַר אים: זאָל טאַקע זיין אַז איך האָב דעם כח אויף דעם, אָבער וואס בין איך מחויב צו אַראָפּלאָזן זיך אַזוי נידעריק ביז אַז איך זאָל קענען טמא ווערן ח"ו צוליב דעם, ס'איז דאָך אַ כלל, „אין אומרים לאדם חטא כדי שיזכה חברך"[27] — אויף דעם זאָגט מען, אַז דוקא אין דעם באַשטייט חוקת התורה — כללות ענין התורה. און כל־זמן ער פועל'ט ניט ביי זיך אַז ער זאָל זיך אַוועקלייגן בשביל הזולת, פעלט אים ניט נאָר אין אַ פרט נאָר אין כלל פון דער גאַנצער תורה.

ג) קען ער אָבער אַ טעות האָבן און מיינען, אַז די הצלחה אין זיין השפעה אויפן זולת קומט פון זיין אייגענעם כח — „כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה" — האט מען דערפאַר געדאַרפט מקדש זיין דעם עושה את

---

וכן גם בתפלה, כמ"ש (איכה ב, יט) שפכי כמים לבך. מליחה — הסרת החום והרתיחה (דם). הדחה שאחר המליחה — שלא יהי' ניכר עבודתו שהוציא את דמו, שלא יתוסף בו ישות עי"ז (משיחות ש"פ פנחס תש"י).

24) תוספתא ספ"ג דפרה.

25) וגם הוראה זו נרמזה דוקא בפרה אדומה (לטהר אחרים) — כי: א) עלול הוא לשכוח על עצמו, מצד הטרדא להשפיע על זולתו, וכן כשמעריך את עצמו לגבי זולתו (שהוא משפיע עליו), הרי אפשר שיסיק מזה אשר הוא בתכלית העילוי. ב) בכדי להשפיע על זולתו, צריך הוא להיות בתכלית הטהרה. וזהו גם טעם הפנימי' על זה ש„מעלות יתירות עשו בטהרת פרה אדומה" (רמב"ם הל' פרה רפ"ב).

26) ובזה יובן לשון רש"י „פרה שעשה משה במדבר" (דלכאורה, מה בא להשמיענו בזה, והרי הכל יודעים שמשה הי' כל ימיו במדבר, ובודאי שגם הפרה עשה שם) — שבא ללמדנו, שאל יאמר אדם איך בכחי לטהר גם את זה שנמצא בדרגא פחותה ביותר, ועל זה אומרים לו: הרי יודע שהפרה נעשית במדבר דוקא, מקום נחש שרף ועקרב וצמאון אשר אין מים, ובכ"ז מפרה זו, מקדשין ממנה הכהנים בעשיית כל פרה ופרה, כנ"ל.

27) שבת ד, א וש"נ.

הפרה מיט אפר פון דער פרה וואָס איז געוואָרן געמאַכט דורך משה רבינו אַליין, בכדי ער זאָל וויסן אַז ער טוט עס בכוחו של משה.

ד) מען קען דאָך אָבער אַריינלאָזן זיך בלויז אין דעם קו פון טאָן מיט אַ צוויטן און פאַרגעסן אויף זיך אַליין — אויף דעם איז געווען דער אפר „למשמרת", מען זאָל וויסן אַז מען דאַרף אויך טראַכטן וועגן זיך, כנ"ל.

(משיחות ש"פ חוקת תש"י וש"פ חו"ב תשי"ב)

# י"ב וי"ג תמוז

א. צווישן די סיפּורים וואָס דער רבי, בעל השמחה והגאולה, האָט דערציילט [1] וועגן זיין מאסר און גאולה, זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס דערציילן וועגן דער צייט ווען דער אַרעסט איז נאָך געווען בתקפו.

איינער פון די סיפורים איז:

באַלד ווי מען האָט דעם רבי'ן אַריינגעפירט אין תפיסה, האָט ער ביי זיך געמאַכט אַ פעסטן באַשלוס, אַז ער זאָל זיך ח"ו ניט פאַרלירן, און ער זאָל פאַר זיי (די לייט פון גע־פּע־או) כלל ניט נתפעל ווערן. ניט נאָר זאָל ער זיך ניט רעכענען מיט זיי אין זאַכן וואָס זיינען נוגע צו יראת שמים, נאָר ער זאָל זיי בכלל ניט האַלטן פאַר קיין מציאות. ביז ער האָט אויף זיי געקוקט ווי זיי וואָלטן זיין — בלשון הרב — „כאין ואפס ממש".

אָט דער מצב הנפש האָט זיך ביי אים ניט געענדערט אויך נאָך דעם ווי ער איז שוין באַשטראָפט געוואָרן פאַר ניט וועלן ענטפערן אויף זייערע אַ שאלה. די שטראָף איז געווען, אַז מען האָט אים פאַרשפּאַרט אין אַ קעלער וואָס איז געווען אָנגעפילט ביז אַ געוויסער הויך מיט בלאָטע. אויף וואָס צו אָנשפּאַרן זיך איז ניט געווען. דער־צו זיינען אין דער בלאָטע און אויף די ווענט אַרומגעקראָכן עכברים ורמ־שים. און אין אָט־דעם קעלער האָט מען אים אָפּגעהאַלטן אַ קאַרגן מעת־לעת. אָבער אויך נאָכדעם, איז ביי אים אַלץ געבליבן די שטאַרקע החלטה, אַז ער זאָל זיך ניט רעכענען מיט זיי — זיי זיינען כאין ואפס ממש.

(אין דער תפיסה־קאַמער וואו דער רבי איז געזעסן, האָט מען ניט געקענט אונטערשיידן צווישן טאָג און נאַכט, ווייל אין דער קאַמער איז געווען ניט מער ווי איין קליינע פענסטער אונטער דער סטעליע (סילינג), און אויך די פענסטער איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ קעגנאיבערדיקער וואַנט, וואָס האָט צום חדר ניט צוגעלאָזן די ליכט פון טאָג. נאָר לויט די איינגעשטעלטע סדרי בית הסוהר, און די באַשטימטע שטונדן אויף צו ברענגען וואַרעם וואַ־סער א.א.וו., האָט דער רבי געוואוסט צו מבחין זיין די שעות פון טאָג) [2].

דאָנערשטיק, ר"ח תמוז, עלף אַזייגער פאַרמיטאָג (אין דעם סיפור האָט דער רבי צוגעגעבן, אַז בכלל פלעגט ער אין טורמע דאַוונען באריכות) זיינען אַריינ־געקומען שוטרים אין זיין צימער און

1) ג' תמוז תש"א.

2) ראה לקו"ד ע' תרנט.